IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**די כאָלערע • Cholera: Part 3**

By Jonah Rosenfeld, translation by Rachel Mines

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (June 2023)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/cholera-3]

# די כאָלערע

# Cholera, Part 3

Jonah Rosenfeld
translated by Rachel Mines

**Introduction:** This is the third installment from Jonah Rosenfeld's "Di Kholyere" ('Cholera"), which first appeared serially in the *Forverts*, beginning September 23, 1923. The story also appears as "Di Kholyere" in the one-volume *Geklibene Verk* (New York, 1955), which is the edition used in this translation. In the second installment, we learned that a disproportionate number of the cholera's victims were women; this installment tells us why. As the epidemic disrupts the rituals of daily life, it becomes clear that the mikvah, a Jewish place of purification through immersion, has become a site of contagion.

# Cholera, Part 3

The High Holidays drew nearer during those dark days, and no matter how people felt, they needed to prepare. Many had to interrupt shiva to buy food and supplies for the holidays. Widowers went to the same stores where their wives had so recently shopped. Some of these men had unfortunate encounters that bothered them for a long time afterwards.

Several widowers had been living on credit for years on end. They'd calculate their debts every few months, pay off their bills, and then go back on account. Without warning, one shopkeeper and then another – as though they'd reached a joint decision – stopped giving credit to these trusted customers. Why? They wouldn't say. The customers had to figure it out for themselves. One widower looked a shopkeeper right in the eye and barked, "So you've signed a contract with God? It's not just me who could die any minute – you could be next." Humiliated, the widower went home, found something he could pawn, took it to a different shopkeeper, and in return got some food for the holiday, as much as his family needed. But even then he couldn't stop worrying: maybe he'd taken too much food, maybe some of the people the food was meant for wouldn't be alive to eat it.

By the afternoon of Erev Rosh Hashanah the whole town, even those few untouched by the plague, knew that this Erev Rosh Hashanah would be different. Half a day still remained before evening, half a day of the old year until the new one began, and there was nowhere to spend it. Only a few hours remained of this last day before the holiday, and with the bathhouse shut down, the men couldn't enjoy their weekly soak. Many went to the river, but a dip in the river couldn't offer the pleasure of hot water, a willow switch, and steam. They all missed the bathhouse: you could see longing on each pale, thirsty face. How could they take off their weekday clothes, their grubby underwear, and dress their parched, unwashed bodies in clean garments? Their homes were prepared for the holiday, but men in their everyday clothing loitered restlessly in the streets, feeling underdressed and out of place as the festival arrived, like ragged paupers invited out of charity.

Bored and at loose ends, one by one the men wandered downhill to the bathhouse, just to see what it looked like; hanging around would at least pass the time they would have spent bathing. They walked around the building, peering in through the windows and glancing up at the chimney. No steam fogged up the windows, no smoke puffed from the chimney. The bathhouse was as deserted and silent as on an ordinary weekday. The big tub hung over the well; it was dry as dust inside and cracked, every gap expressing desolation and abandonment. In short: a cold, arid, silent bathhouse wrapped in cold, arid, silent gloom.

Several men had arrived with changes of clean clothes under their arms. They'd come for their ritual bath in honor of the New Year, though the mikvah's water was unheated. The three of them looked bleakly at the bathhouse's vast, empty interior—it all seemed oddly foreign, as though they'd never seen it before. An unidentifiable atmosphere pervaded the place, a strange smell that lay heavy on the scrubbed benches and thick-planked floor. The men stared at the ruined corner where the boiler had once

stood, the gaping hole in the wall with its smashed, crumbling stones and the chunks of mortar, bone-dry from years of intense heat. The once-familiar room looked so frighteningly alien…

A few minutes later the bath attendant appeared. He was carrying a couple of buckets with cracks in them in a lost sort of way, as though he had no idea where they had come from or where they should go. Like a man possessed by an evil spirit, he frowned angrily at the visitors, who greeted him with a volley of complaints: why was the mikvah cold? “You could have at least warmed up the water!”

The bath attendant defended himself – he had no coal. Where was he supposed to get coal for the furnace, since the mikvah couldn’t heat up by itself?

“That’s no excuse. Why didn’t you come to my place? I could have given you some.”

“It’s a terrible thing,” said one of the visitors, a pious Jew and esteemed scholar, “that these bathhouse attendants know so little Torah. If you weren’t such an ignorant young lout, you’d know very well what people do on Erev Rosh Hashanah.”

“Well, yes … but no scholar would want to be a bath attendant!” his companion interrupted.

Every word rang out loudly, as if the vast, echoing space were helping them speak and hear more clearly. The men stood in the center of an unhallowed emptiness, each secretly drawing comfort from the thought that he wasn’t alone, that he had come with friends.

The three started to undress, reluctantly stripping off long coats, vests, shirts, and underclothing. One of them, naked except for his hat (he was wearing it due to his piety and the holiday, but mostly to postpone going down into the dark, cold mikvah), said, “Maybe we should go bathe in the river after all, eh? What do you think?”

A dog appeared in the open doorway. He stuck his muzzle inside and snuffled around as if he’d never before smelled such an empty, desolate place without even a morsel of food. He seemed confused by this strange house and its strange humans, with their heads like other people’s, but looking like some other kind of creature from the neck down. Baffled, he stared at the scene, then suddenly tossed back his head, raised his snout, let out an ululating howl, and scrambled off.

“The hell with you!” shouted the man wearing nothing but his hat, and spat on the floor.

This man – his name was Avrom Hersh – wasn’t wearing his hat just because he was religious, but so as to be last in the mikvah. He wasn’t quite sure what made him so anxious, but he fervently hoped his companions would go first. When they finally started moving, Avrom Hersh trailed behind. The men walked step by step, one step at a time across the floorboards that were cool under their bare feet, each board traversed lengthwise by a gutter – this wasn’t a typical floor, as the beams were too thick. And there, at the far end of the room, was an opening which let in the wan outdoors light.

A heavy odor wafted from the standing water in the mikvah: a blend of the dense, sour reek of human sweat and the fermented funk of human bodies. The water below was invisible, so lost in darkness that one couldn’t make out where the shadows ended and the water began. The windowless wooden walls surrounding the mikvah disappeared into the shadows below, plunging deep underground like the walls of a well.

They were spattered from top to bottom with mushroom-like growths: slick gray buboes, some of them so old and desiccated that they'd started to crumble away like clay shards.

"Maybe we should go bathe in the river," Avrom Hersh said again. It wasn't so much that he wanted to bathe in the river, but that he didn't want to go into the mikvah: he was overcome by an unfathomable terror of descending into that black water. Left to himself, he would have dressed in his clean clothes and gone straight home, his beard and *peyes* dry.

But suddenly – "No harm can come to those who fulfill the mitzvahs," he blurted, and trusting in his faith and the precept he'd quoted, he gathered his courage, plunged down the steps as if dragged by the arm, and disappeared into the water below. The two men waiting above heard a splash. One of them, wondering if they should follow, asked, "Is everything all right?"

"No… I don't feel so good," came the reply from below.

# די כאָלערע

אין דער גאַנצער חשכות האָבן זיך די „פֿאָרכטיקע“ טעג אַרײַנגערוקט און, ווילנדיק – נישט ווילנדיק, האָט מען געמוזט יום־טובֿ מאַכן. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פֿון שיבֿעה אויפֿגעהויבן און זיך אַוועקגעלאָזט אין די קראָמען דעם יום־טובֿ אײַנצוהאַנדלען. די אַלמנס זײַנען געגאַנגען אײַנהאַנדלען, וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט, אין די זעלביקע קלייטן, וווּ די ווײַבער זייערע פֿלעגן אײַנקויפֿן. דערבײַ זײַנען מיט אייניקע פֿון זיי פֿאָרגעקומען אַ פּאָר אינצידענטן, וואָס האָבן אויף אַ לאַנגער צײַט געלאָזט אַ שווערן אײַנדרוק.

געווען אַ פּאָר זייעריקע, וואָס פֿלעגן „נעמען“ אויפֿן בוך יאָרן לאַנג, אַ פּאָר מאָל דורכן יאָר זיך צוזאַמענגעחשבונט, אָפּגעצאָלט און ווײַטער גענומען. דאָ גאָר פּלוצלינג האָט זיך איין קרעמער און אַ צווייטער – ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט, זיך אָפּגעזאָגט צו באָרגן אָט די לאַנגיאָריקע בטוחים. פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? – דאָס האָבן די קרעמער נישט געקאָנט זאָגן. זיי, אָט די לאַנגיאָריקע בטוחים, האָבן עס אַליין באַדאַרפֿט פֿאַרשטיין, און טאַקע פֿאַרשטאַנען אויך. און דערפֿאַר טאַקע זײַנען די אינצידענטן אַרויסגעקומען. אָנגעקוקט זיך מיטן קרעמער אויג אין אויג אַרײַן און אַרויסגעשפּרונגען:

„און איר האָט שוין געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט גאָט? אפֿשר וועט איר גאָר שטאַרבן?“

איז יענער מיט חרפּה און טעמפּן אומעט אַוועק אַהיים, פֿאַרכאַפּט אַ חפֿץ פֿון שטוב און אַוועקגעטראָגן אַלס משכּון (פֿאַרשטייט זיך, שוין צו אַן אַנדער קרעמער), און גענומען אויף יום־טובֿ אַזוי פֿיל, וויפֿל די פֿאַמיליע און די צאָל מײַלער האָט עס געפֿאָדערט. האָט אַ שטומע אומרויִקייט די הערצער געפֿרעסן, אַז עפּעס נעמט מען איבעריקס, אַז נישט אַלע מײַלער, וואָס מ׳גרייט צו פֿאַר זיי דאָס עסן, וועלן עסן פֿון דעם צוגעגרייטן.

ערבֿ ראָש־השנה, נאָך האַלבן טאָג, האָט דאָס גאַנצע שטעטל, אַפֿילו די יעניקע, וואָס די מגפֿה האָט זיי נישט אָנגערירט, דערשפּירט, אַז דער ערבֿ־ראָש־השנה איז אַנדערש פֿון אַלע ערבֿ־ראָש־השנהס פֿון אַלע יאָרן. אַ האַלבער טאָג איז נאָך געבליבן ביז פֿאַרנאַכט, אַ האַלבער טאָג פֿון אַלטן יאָר צום נײַעם, און ס׳איז נישט געווען ווּאים אַהינצוטאָן. אַ שטיק צײַט פֿון ערבֿ יום־טובֿ מיט וואָכעדיקער טרוקנקייט און אָן אַ ביסל וואַרעם וואַסער דאָס לײַב אָפּצושווענקען. עס זײַנען פֿיל זייעריקע געגאַנגען אין טײַך, נאָר ס׳איז נישט געווען דער תּענוג, וואָס מ׳קאָן האָבן פֿון וואַרעם וואַסער און פֿון אַ הייס בעזעמל מיט פּאַרע. די באָד האָט געפֿעלט. מען האָט עס אויף יעדן פּנים פֿון יעדן ייִד געקאָנט דערקענען – טרוקן און וואָכעדיק בלאַס. מ׳האָט נישט געקאָנט פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן די וואָכעדיקע מלבושים, די קויטיקע וועש, און אָנטאָן ריינע אויפֿן טרוקענעם, נישט־געוואַשענעם לײַב. דער יום־טובֿ איז שוין געווען אין די הײַזער און אַרום די יום־טובֿדיקע טירן האָבן זיך וואָכעדיקע ייִדן אַרומגעדרייט נע־ונד, ווי אָן אַ תּיקון, און ערגעץ פֿאַר זיך קיין פּלאַץ נישט געקאָנט קריגן, מיט זייער וואָכעדיקייט זיך פֿרעמד געשפּירט אין די אייגענע הײַזער, ווּ ס׳איז יום־טובֿ געווען. עפּעס ווי אורחים, פֿאַראָרעמטע און שפּלע...

פֿון נישט האָבן וואָס צו טאָן און נישט האָבנדיק מיט וואָס אָט דעם טרוקענעם אומעט צו פֿאַרטרײַבן, האָט זיך איין ייִד און אַ צווייטער אַראָפּגעלאָזט פֿון בערגל צו דער באָד כאָטש אַ קוק צו טאָן דערויף, ווי אַזוי עס זעט אויס; געוואָלט כאָטש מיט אַרומדרייען זיך און באַטראַכטן די באָד – די באָדצײַט פֿאַרטרײַבן.

אַרומגעגאַנגען עס פֿון דרויסן און באַטראַכט די פֿענצטער, געוואָרפֿן אַ קוק צום קוימען, – פֿון די פֿענצטער האָט קיין פּאַרע נישט געזעצט און פֿון קוימען איז קיין רויך נישט געגאַנגען. פֿון אַלע זײַטן עס באַטראַכט, ווי עס שטייט אַ טרוקנס, אַ שטילס, אַ וואָכעדיקס; אויפֿן גרויסן צעבער געקוקט, וואָס איז געהאַנגען איבערן ברונעם אַ צעטריקנטער, אַ צעלעכצטער, און דורך די שפּאַרונעס האָבן אַרויסגעקוקט פּוסטקייט און דרויסנדיקייט, און דער סך־הכּל: אַ קאַלטע, טרוקענע, שטילע באָד, געהילט אין קאַלטן, שטילן, טרוקענעם אומעט...

אַ פּאָר ייִדן זײַנען דאָך געקומען מיט ריינע וועש אונטער די אָרעמס, געקומען לכּבֿוד דעם יום־תּרועה אָפּצוטובֿלען די גופֿים זייערע כאָטש אין דער קאַלטער מיקווה. אין דרײַען זײַנען זיי געקומען און מיט אומעטיקן קאַלטן אומעט האָבן זיי באַטראַכט די גרויסע באָדיקע לערקייט, און אַלץ, אויף וואָס דער בליק זייערער איז געפֿאַלן, האָט זיי אויסגעקוקט אַזוי אויסטערליש נײַ, ווי זיי וואָלטן דאָס ערשטע מאָל דאָרטן געווען. עפּעס אַזאַ מאָדנע פּריקרע פֿרעמדקייט איז געווען איבער דעם גאַנצן גרויסבאָדיקן פֿאַרנעם, און זײַן אַוויר, צעגאָסן, צעלייגט אויף די לאַנגע, ריין געוואַשענע בענק און אויף דער טרוקענער דיק־הילצערנער פּאָדלאָגע. מיט אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט האָבן זיי באַטראַכט דעם פֿאַרחרובֿטן ווינקל, ווּ דער קעסל איז געשטאַנען, באַטראַכט די חורבן־לאָך מיט די צעהרגעטע און צעפּיצלטע שטיינער און דאָס פֿאַרטריקנטע פֿון יאָרן לאַנג איבערגעברענטע ליים. אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי שוידערלעך פֿרעמד...

שפּעטער מיט עטלעכע מינוט נאָך זייער אַרײַנקומען האָט זיך דער בעדער באַוויזן מיט אַ פּאָר צעלעכצטע שעפֿעלעך. ווי ער האָט זיי גענומען און וואָס ער האָט זיך מיט זיי געטראָגן, האָט ער, דאַכט זיך, אַליין אויך נישט געוווּסט; ווי אַ גילגול איז ער פּלוצלינג אַראָפּגעפֿאַלן, אָט דער בעדער, אַן אָנגעכמורעטער, אַ ברוגזער. די ייִדן, אַזוי גלײַך ווי זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אים מיט טענות, פֿאַר וואָס ער האָט כאָטש די מיקווה נישט אָנגעוואַרעמט.

„אָבער די מיקווה האָסטו דאָך געקאָנט דערוואַרעמען!“

דער בעדער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ער האָט קיין קוילן נישט געהאַט. ווּ קאָן ער נעמען קוילן צו דערוואַרעמען דעם ׳סאַמאָוואַר,׳ אַז די באָד הייצט זיך נישט?

„אַ תּירוץ פֿאַר די בענטשליכט. ווען דו וואָלטסט אַרײַן צו מיר, וואָלט איך דיר נישט געגעבן אַ ביסל קוילן?“

„אָט דאָס איז נישט גוט,“ האָט איינער פֿון די דרײַ, אַ גרויסער למדן און פֿרומער ייִד, געזאָגט. „דאָס איז נישט גוט, וואָס אַ בעדער איז אַלע מאָל אַ בור־מדאורײַתא. ווען אַ בעדער וואָלט נישט געווען קיין גראָבער יונגאַטש, וואָלט ער געוווּסט, אַז ערבֿ ראָש־השנה...“

„נו, וויל, אָבער קיין למדן קיין בעדער נישט ווערן,“ האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופֿן.

ס׳האָט דײַטלעך אָפּגעקלונגען יעדעס וואָרט זייערס; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די גרויסע פּוסטקייט און לערקייט העלפֿט מיט צו ריידן און צום אונטערהערן, וואָס מ׳רעדט. ס׳האָט זיך געשפּירט די אָנמזוזהדיקע פּוסטקייט, און יעדערער אין זיך איז געווען צופֿרידן, וואָס ער איז נישט אַליין, וואָס ער איז נאָך מיט צוויי, וואָס מ׳איז אין דרײַען.

די דרײַ ייִדן האָבן מיט אומעטיקער פֿוילקייט און פֿוילן אומעט זיך אָנגעהויבן אויסצוטאָן. פֿויל אַראָפּגעשלעפּט אַרבלען, קאַפּאָטעס, קאַמזוילן און לײַבסערדאַקעס, האָט איינער פֿון זיי, שוין אַן אויסגעטאָנענער, נאָר וואָס איז נאָך געשטאַנען מיטן היטל אויפֿן קאָפּ צוליב פֿרומקייט און צוליב ראָש־השנה, און אויך צוליב דעם, כּדי אויף לענגער אָפּצוהיטן אָט דאָס אַראָפּלאָזן זיך אַראָפּ אונטן אין דער פֿינצטערער און קאַלטער מיקווה, געזאָגט:

„אפֿשר וועלן מיר טאַקע פֿאָרט גיין אין טײַך אַרײַן, האַ?“

אין דער אָפֿענער טיר האָט זיך אַ הינטישער קאָפּ באַוויזן. אַרײַנגעשטעקט די מאָרדע אינעווייניק, האָט ער נאָזלעכערדיק די לופֿט אַרומגעשמעקט, און ס׳איז געווען צו דערקענען אין זײַן די־לופֿט־אַרומשמעקן, אַז דאָס ערשטע מאָל אין זײַן הינטישן חוש־הריח שמעקט ער אַזאַ ניכטערע און ליידיקע לופֿט, אָן אַ שפּור פֿון עפּעס עסנוואַרגדיקס, און אין די אויגן זײַנע איז געווען צו דערקענען, אַז דאָס ערשטע מאָל זעט ער אַזאַ מאָדנע „שטוב,“ מיט אַזעלכע מאָדנע מענטשן, וואָס די קעפּ בײַ זיי זײַנען געוויינטלעכע, ווי בײַ יענע אַלע, וואָס ער זעט כּסדר, אָבער פֿון די קעפּ און ווײַטער זײַנען עס גאָר אַנדערע מענטשן. געקוקט אַזוי מיט אַ הינטישן אומעט אין די אויגן, האָט ער גאָר פּלוצלינג דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן אַרויף, די מאָרדע פֿאַרריסן, אַ פֿילפֿאַכן שלשלתדיקן וויע אַרויסגעלאָזט און פֿיסלדיק אַוועק און אָפּגעצויגן.

„אויף דײַן קאָפּ!“ האָט דער ייִד, וואָס איז נאָך אַלץ אין היטל געשטאַנען, אויסגעשריִען און אויסגעשפּיגן.

דער ייִד, וועגן וועלכן ס׳רעדט זיך, איז שוין נישט בלויז צוליב פֿרומקייט אין היטל געשטאַנען, נאָר כּדי אַזוי אַרום דער לעצטער צו זײַן אין מיקווה זיך אַראָפּצולאָזן. ער האָט דורכויס געוואָלט, אַז זיי זאָלן זײַן די ערשטע; אַן אומבאַגרײַפֿלעכע מורא האָט אים אָפּגעהאַלטן זיך אַראָפּצולאָזן דער ערשטער אין דער מיקווה אַרײַן.

ענדלעך האָבן זיך יענע בײדע געלאָזט גיין פֿאָרויס, און ער, אָט דער ייִד, נאָך זיי פֿון הינטן. טריט בײַ טריט געגאַנגען, טריט בײַ טריט געטראָטן אויף די קילע שפּאַלן, וואָס זײַנען געווען אין דער מיט אויסגעהוילט מיט אַ רינוועלע און באַוויזן מיט דער דיקייט זייערער, אַז ס׳איז נישט קיין געוויינטלעכע פּאָדלאָגע, אַז דאָס זײַנען דיקע שפּאַלן, און דאָרט בײַם סוף האָט זיך עס פֿאַרענדיקט מיט אַ לאָך אין וואַנט און מיט אַ דרויסנדיקער ליכטיקייט, וואָס האָט אַרײַנגעקוקט אינעווייניק אַרײַן.

פֿון דעם שטייענדיקן מיקווה־וואַסער האָט זיך געשפּירט אַן אומעטיקער, שווערער ריח, ווי פֿאַרפֿרעסטע פֿאַרגליווערונג פֿון מענטשנשווייס און פֿאַרמאַרינירטע ריחות פֿון מענטשן־קערפּערס. דאָס וואַסער אונטן האָט מען נישט געזען, ס׳איז געווען צונויפֿגעגאָסן מיט דער אונטערשטער פֿינצטערניש און דאָס אויג האָט נישט געקאָנט כאַפּן, ווּ ס׳ענדיקט זיך די פֿינצטערניש און ווּ ס׳הייבט זיך אָן דאָס וואַסער. פֿון אויבן אַראָפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט הילצערנע, בלינדע ווענט און פֿאַרלוירן געגאַנגען מיט זייער נאַקעט־הילצערנער בלינדקייט, זיך אַראָפּגעלאָזט קעלערדיק און ברונעמנדיק. זיי זײַנען פֿון אויבן ביז אַראָפּ באַשאָטן מיט מכּות, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שוואָמען – גרויע, נאַסע און גליטשיקע; אייניקע פֿון זיי זײַנען געווען אַזוי אַלט און אויסגעטריקנט, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט ברעכן ווי ליימיקע שערבלעך.

„אפֿשר וועלן מיר טאַקע פֿאָרט גיין אין טײַך אַרײַן?“ האָט דאָס צווייטע מאָל געזאָגט דער זעלבער ייִד, וואָס האָט דאָס געזאָגט צום ערשטן מאָל.

דער ייִד האָט נישט אַזוי געמיינט אין טײַך אַרײַנצוגיין ווי אים האָט זיך נישט געוואָלט אין מיקווה; עפּעס אַן אומבאַגרײַפֿלעכע מורא האָט אים באַהערשט זיך אַראָפּצולאָזן אונטן. ווען ער וואָלט דאָ אַליין געווען, וואָלט ער שוין אין מיקווה נישט געגאַנגען, ער וואָלט זיך אָנגעטאָן אין ריינע וועש און וואָלט געקומען מיט טרוקענע באָרד און פּאות אַהיים.

„שלוחי מיצווה אינן נזיקין!“ האָט דער זעלבער פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן און, זיך אָנגעכאַפּט אָן זײַן פֿרומקייט און אָן דעם מאמר, וואָס ער האָט אָפּגעמאמרט, האָט ער פּלוצלינג מוט באַקומען, און ווי עמעצער וואָלט אים אַ צי געטאָן אַראָפּ, האָט ער זיך מיט האַסטיקע טריט אַראָפּגעלאָזט אונטן, און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די צוויי ייִדן, וואָס זײַנען געשטאַנען פֿון אויבן, דערהערט אַ פּליוסק אין וואַסער. געוואַרט אויף דעם פּליוסק, כּדי עפּעס אַ פֿרעג צו טאָן און זיך אויך אַראָפּצולאָזן נאָך יענעם, האָט איינער אַ פֿרעג געטאָן:

„גוט, האַ?“

„ס׳איז מיר נישט־גוט!“ האָט זיך פֿון אונטן אַרויף אַ קול דערהערט...